nystateofhealth™
The Official Health Plan Marketplace

# קען מיין פאמיליע קוואליפיצירן פאר פינאנציעלע הילף אפילו אויב מיין ארבעטסגעבער שלאגט פאר העלט אינשורענס?



## פאמיליע העלט אינשורענס דעקונג טוט ווערן מער צוגענגליך

### נייע בארעכטיגונג געזעץ פאר פינאנציעלע הילף דורך ניו יארק סטעיט אוו העלט

- אנגעהויבן יאנואר 1, 2023, וועט בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף פאר פאמיליע מיטגלידער זיין באזירט אויף אפארדיביליטי פון פאמיליע דעקונג פארגעשלאגן דורך אן ארבעטסגעבער.
- א פאמיליע העלט פלאן ווערט גערעכנט "צוגענגליך" אויב די פרימיום איז ווייניגער ווי 9.96 פראצענט פון די הויזגעזונד אינקאם.
- אויב פאמיליע דעקונג ווערט גערעכנט אלס נישט צוגענגליך, קענען פאמיליע מיטגלידער זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף.
- דאס טוט נישט טוישן די צוגענגליכקייט טעסט פאר ארבעטער. אויב די ארבעטער קען באקומען צוגענגליכע איינצעלנע (בלויז-ארבעטער) דעקונג דורך זייער ארבעטסגעבער, וועלן זיי נישט זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף דורך ניו יארק סטעיט אוו העלט. פונדעסטוועגן, קענען פאמיליע מיטגלידער נאך זיין בארעכטיגט.

### די פינאנציעלע הילף בארעכטיגונג געזעץ איידער 2023

- ביז 2023, ווערט העלט אינשורענס פארערכנט "צוגענגליך" באזירט אויף די קאסט פון איינצעלנע (בלויז-ארבעטער) דעקונג.
- ביז דאן, אויב די פרימיום פאר איינצעלנע (בלויז-ארבעטער) דעקונג איז ווייניגער ווי 9.61 פראצענט פון די ארבעטער'ס הויזגעזונט אינקאם, ווערט עס פארערכנט אלץ צוגענגליך. ארבעטער וועלכע קענען באקומען צוגענגליכע העלט אינשורענס פון זייער ארבעטסגעבער טוען נישט זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף פאר א ניו יארק סטעיט אוו העלט פלאן.
- אויב אן ארבעטער טוט נישט קוואליפיצירן פאר פינאנציעלע הילף דורך ניו יארק סטעיט אוו העלט באזירט אויף די געזעץ, זענען די ארבעטער'ס פאמיליע מיטגלידער אויך נישט בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף דורך ניו יארק סטעיט אוו העלט. דאס גייט אן אפילו ווען די פאמיליע העלט פלאן פארגעשלאגן דורך אן ארבעטסגעבער קאסט מער ווי 9.61 פראצענט פון הויזגעזונט אינקאם.

### וואס קענט איר טון?

- נוצט די ניו יארק סטעיט אוו העלט פינאנציעלע הילף קעלקיולעיטאר געציייג: **https://info.nystateofhealth.ny.gov/estimate-financial-הילף**
- די געציייג געבט א שאצונג צו זען אויב איר אדער אייער פאמיליע מיטגלידער זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף. אייער פאקטישע בארעכטיגונג וועט ווערן באשטימט ווען איר געבט זיך איין.

## אויב איר טראכט אז איר אדער אייער פאמיליע מיטגלידער קענען זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף, פארבינדט זיך מיט ניו יארק סטעיט אוו העלט (NY State of Health) צו באקומען הילף זיך איינצוגעבן:

אנליין:
**nystateofhealth.ny.gov**

דורכן טעלעפאן:
1-855-355-5777 אדער
TTY: 1-800-662-1220

פערזענליך:
אומזיסטע הילף פון א סערטיפיייד געהילף

ניו יארק סטעיט אוו העלט קומט נאך אלע גילטיגע פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעצן און סטעיט געזעצן, און דיסקרימינירט נישט באזירט אויף ראסע, קאליר, מין, עלטער, נאציאנאלע אפשטאם, קריד\רעליגיע, הייראט\פאמיליע סטאטוס , ארעסט רעקארד, קרימינאלע קאנוויקשאן(ס), דזשענדער אידענטיטעט, געשלעכטליכע אריענטאציע, פרידיספאזינג גענעטישע כאראקטעריסטיקס, מיליטערישע סטאטוס, דאמעסטישע געוואלדטאטן קרבן סטאטוס און\אדער נקמה.